ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיְחִי

תשפ"ד

329

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע״י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ מַאכְן טֶערֶעפִּי פַאר זֶעלְבְּסְט-זִיכֶערְקֵייט?........................א
וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל מִיר שׂוֹין אָפְּלָאזְן?........................ג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ וִויל גֵיין מִיט דִיר נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד........................א
אִיךְ רֶעד נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ מַיין וַוייבּ........................ב
יֶעדֶע קַשְׁיָא אִיז אַ קְלִיפָּה........................ב
פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט יֶעדְן טָאג צוּ דַיין טַאטֶע?........................ג
וואוּ אִיז גוּט צוּ גֵיין וַואקַאצִיעֶ........................ד
אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער........................ה
אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט פְּרָאטֶעסְטִירְן........................ה
חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער דַארְפְן הֶערְן זִיסֶע וֶוערְטֶער........................ו
זָאגְן דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין"........................ו
נִישְׁט קַארְגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער........................ז
שׁוֹבָבִי"ם תַּ"ת........................ז
מִצְוֹת בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג........................ח
אַ גוּטֶע קַבָּלָה צוּ זָאגְן "אֲנִי מַאֲמִין"........................ט
צְנִיעוּת אִיז שֵׁיין........................ט
שְׁפִּירְן גַן עֵדֶן........................י
גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדֶע תַּלְמִידָה אַ שְׁמֵייכְל........................י
אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד........................יא
אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט לֵיצָנוּת........................יב
אֵיידְל אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה........................יב

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת............ יג

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל............ יג

בֶּעט אוֹיף אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה............ יד

אָן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט............ טו

נֶעם אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה............ טו

אַז דַיינֶע קִינְדֶער רוּפְן דִיךְ נִישְׁט זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן............ טז

בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַלְט............ יז

בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן צוּ זַיין גוּט............ יז

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָצָה............ יח

אִיךְ בִּין דֶער דַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ............ יח

הֶעלְפְן דִי מוֹסָד בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג............ יט

דִי וַוייבּ נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם מַאן׳ס הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט............ יט

גֵיין צְוִוישְׁן דִי טְרָאפְּן............ כ

מִנְהָגִים פַאר עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת שֶׁחָל בְּעֶרֶב שַׁבָּת............ כא

טַאנְצְן בַּיי בּוֹאוּ בְשָׁלוֹם............ כא

פְּגַם הַבְּרִית פַארְדְרֵייט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה............ כב

אַ פֶּערְטְל שָׁעָה קֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דִי לֶעבְּן............ כג

נִישְׁט גוּט נָאכְצוּקוּקְן דֶעם מַאן............ כד

תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ............ כה

אַ גוּטֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה............ כו

חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב............ כו

לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב............ כז

וואוּ נֶעמְט מֶען אַ הַארְץ?............ כח

יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים............ כח

דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל............ כט

בְּלַייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן............ כט

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ............ ל

דִיר נִישְׁט אָן יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט............ לא

צָאלְן שְׂכַר לִימוּד?............ לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ מַאכְן טֶערֶעפִּי פַאר זֶעלְבְּסְט-זִיכֶערְקֵייט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן אוּן מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מִיךְ גֶעמַאכְט עֶנְדִיגְן שׁוֹין הַאלְבּ שַׁ"ס, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן נָאךְ פִילֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ וֵויִיס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט נִישְׁט פוּן טֶערֶעפִּי, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ טֶערֶעפִּי צוּ בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְט-זִיכֶערְקֵייט אִיז אוֹיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן״, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן׳ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָן׳ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ**

אַ גוּטֶער פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׂפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

דִי בֶּעסְטֶע טֶערָאפִּי אִיז דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן הֵיילְט אוֹיס יֶעדֶע וַוייטָאג אוּן בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ שְׁלֵימוּת. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז אַ רְפוּאָה אִין אַלֶע בְּחִינוֹת, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט בְּגוּף וָנֶפֶשׁ, אוּן אוֹיךְ וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדְן טָאג רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אוֹיב מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין - דָאס בּוֹיט אוֹיף דִי זֶעלְבְּסְט-זִיכֶערְקֵייט אוּן מֶען לֶעבְּט שׁוֹין דָא בָּזֶה הָעוֹלָם אִין 'גַן עֵדֶן'; אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וַוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל מִיר שׁוֹין אָפְּלָאזְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִין דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיפְן וֶועג פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן מִיט דִי שֵׂכֶל אוּן גוּטֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז כְּסֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן צְווֵיי מָאל מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט מִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ בְּרֶענְט עֶר אִין מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיךְ נִישְׁט לֶעבְּן. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם?

אִיךְ הַאלְט מִיט דִי צוּזַאמְקוּמֶען פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן דָא אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי אָן וַוייטֶער מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, גֵיי אָן וַוייטֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ מַמָּשׁ

לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְּלָן", װען דער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זעט ווי מען איז שוין מַמָּשׁ אין די קְדוּשָּׁה - פַארְלֵייגְט ער זיך זייער שְׁטַארְק אויף דעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער גֶעדֶענְק: "אַ פַּאטְשׁ פַאר מִיר, אַ פַּאטְשׁ פַאר דִיר, דער עִיקָר װער גֶעבְּט דעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ".

דו זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא, און אַז דו פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן די װערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וֶועסְטוּ הַרְגֶ'נֶען דעם יֵצֶר הָרָע. וַוייל אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט די נְשָׁמָה. אַזוֹי ווי דער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פון קְדוּשָּׁה - ער טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, און ער אִיז שוין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אויבּ װעט ער זיך מַאכְן אַ קְבִיעוּת צו לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, װעט ער סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פון זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל די כֹּחַ פון תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דעם מֶענְטְשׁ פון זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרַ"שׁ הָאט מְקוּבָּל פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז װען די רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט די שִׂיחָה הָאט ער גֶעמֵיינְט מִיט דעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ ווִיל גֵיין מִיט דִיר נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְּן צָאלְן דִי מְלַמְדִים ; מִיר זֶענֶען יֶעצְט זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט, שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן וָואס מֶען צָאלְט נִישְׁט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אוּן בִּזְכוּתְךָ - וָואס דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט צְוֶועלְף טוֹיזְנְט דָאלֶער - הָאט מֶען גֶעקֶענְט צָאלְן אֵיין וָואךְ גֶעהַאלְט.

אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ אוּנְזֶער מוֹסָד - וָואלְט אִיךְ מִיט דִיר גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן צְדָקָה, וַוייל אִיךְ מוּז בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין מָאנְסִי זִיךְ טְרֶעפְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר דִי מוֹסָד, זֵיי בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן מִיט גֶעוִויסֶע זַאכְן.

אִיךְ קוּק צוּרִיק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע נִיסִים בִּיז אַהֶער, אִיךְ גְלֵייבּ עֶס קוּמְט נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אִיךְ רֶעד נִישְׁט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ מַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וְוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן צוּ דַיין וַוייבּ - וֶועט דַיין וַוייבּ זִיךְ פִירְן צוּ דִיר; אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר - וֶועט דִיר אוֹיךְ זַיין גוּט.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט צוּגֶעזֶען ווִי יֶענֶער פִירְט זִיךְ, ווִי עֶר שַׁאפְּט אוֹיף זַיין וַוייבּ, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אִיר, עֶר פַארְלַאנְגְט פוּן אִיר, זִי אִיז בַּיי אִים ווִי אַ דִינְסְט; הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן אַפִּיר גֶענוּמֶען דֶעם אִיד אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ וַוייבּ? אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין שְׁטוּבּ?!"

**גֵיי אִין פֶעלְד, שְׁרַיי זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ פַארְשִׁימְלְטֶע מִידוֹת, פַארְפוֹילְטֶע נַאטוּרְן, יֶעדֶער קוּמְט מִיר, אִיךְ רֶעד נִישְׁט מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ מַיין וַוייבּ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶע קַשְׁיָא אִיז אַ קְלִיפָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, כח): "גַּם אֱוִיל מַחֲרִישׁ" אֲפִילוּ אַ נַאר וָואס שְׁוַוייגְט, "חָכָם יֵחָשֵׁב" דֶער אִיז אַ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ; וַוייל פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער מֶענְטְשׁ טוּט נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת אוּן דָאס בְּרֶענְגְט שְׁוֶועריקֵייטְן - אוּן בַּיים סוֹף הָאט עֶר נָאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי

עֶס שְׁטֵייט (שָׁם יט, ג): "אִוֶּלֶת אָדָם" דִי נַארִישְׁקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מֵיינְט מֶען דִי עֲבֵירוֹת זַיינֶע - "תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ" פַּארְקְרוּמְט זַיין וֶועג, דָאס מֵיינְט עֶס בְּרֶענְגְט שְׁטְרָאף, עֶס בְּרֶענְגְט צָרוֹת, "וְעַל ה' יִזְעַף לִבּוֹ" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אַלֵיינְס הָאט שָׁאדְן גֶעמַאכְט; אוֹיב אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען שׁוֹין ווִי אַ חָכָם.

מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "יֶעדֶע קַשְׁיָא אִיז אַ קְלִיפָּה", יֶעדֶע פַּארְוָואס אִיז סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, מֶען קֶען אַוֶועק פַאלְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט - אִיז פַּאר אוּנְזֶער טוֹבָה, "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו" (תְּהִלִּים קמה, יז), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, אוּן אַז מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווִי עֶר מַאכְט אוּן עֶר פִירְט - דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין אוּן מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַּארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט יֶעדְן טָאג צוּ דַיין טַאטֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי נִישְׁט בֵּייז אַז אִיךְ זָאג דִיר מוּסָר, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין אֵייבִּיגֶע גוּטְס.

הָאסְט אַן אַלְטְן טַאטְן, אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף אִים; פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין? עֶס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אוֹיף דֶער וֶועלְט מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע, מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ טַאטֶע; אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס צוּ טוּן, הַלְוַאי זָאל אִיךְ אַלֵיינְס זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער דוּ זָאגְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן ווִי צוּ לֶעבְּן", "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיךְ פַּארְרֶעכְטְן אוֹיב אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט" - דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר.

דַיינֶע אַלֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם וָואס דוּ דִינְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר

הֵיילִיג אוּן חָשׁוּב, אָבֶּער דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז מֶען הָאט אַן אַלְטֶע שְׁוַואכֶע טַאטֶע וָואס לִיגְט אִין בֶּעט - וִוי קֶען מֶען זִיךְ פַּטְרְ'ן מִיטְן צוּשְׁטֶעלְן אַן עָרֵל? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין יֶעדְן טָאג אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין?

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט כִּיבּוּד אָב וָאֵם פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' - כָּל זְמַן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - הָאבְּן זֵיי טָאג אוּן נַאכְט בַּאדִינְט דִי עֶלְטֶערְן. אוֹיךְ מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א, כָּל זְמַן זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֶעבְּט - הָאט מֶען אִים גֶעזֶען טָאג אוּן נַאכְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ וִויל זָאלְסְט אַרַיינְכַאפְּן צוּ קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה.

...

### וואו אִיז גוּט צוּ גֵיין וַואקַאצִיעֶ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען זוּכְט דִי פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט וואו מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ; דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נְיוּ יָארְק פָארְן קַיין פְלַארִידֶע - אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן פְלַארִידֶע קוּמֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן קַיין נְיוּ יָארְק. נָאכְדֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ פָארְן דָארְט, אוּן נָאכְדֶעם דָארְט... וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז אַלֶעס אִיז אִין הַארְץ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצא): "עִקַּר הַרְגָּשַׁת תַּעֲנוּג, הַכֹּל הוּא בַּלֵּב", אַלֶע פַארְגֶענוּגְן אִיז אִין הַארְץ, אֵיינֶער קֶען זִיצְן נֶעבְּן זַיין חַבֵר, אֵיינֶער שְׁפִּירְט אַזוֹי גוּט, אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן אוּן דֶער אַנְדֶערֶער שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט.

מֶען דַארְף נָאר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים דַאנְקֶען טָאג נָאךְ טָאג, בִּיז מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַלֶע שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַעֲשָׂרָה עוֹלָמוֹת, טַעַם גַּן עֵדֶן.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, וואו? וִוילַאנְג?

...

## אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, דוּ זִיצְט פַארְטָאגְס אִין שׁוּל אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט הַתְמָדָה; דָאס אִיז מִיר אַזַא תַּעֲנוּג וְנַחַת רוּחַ, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן דֶעם, הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע קוּמֶען פַארְטָאגְס לֶערְנֶען.

בִּזְכוּת לֶערְנֶען אִין שׁוּל פַארְטָאגְס - זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת, שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם", וֶוער עֶס זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְטָאגְס אֵיידֶער עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג - "הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים", אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער, אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, עַיֵּין שָׁם.

שְׁרַייבּ מִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין, שְׁרַייבּ מִיר אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וִוי לַאנְג, ווייל אִיךְ וַוארְט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זֶען בַּיי דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

...

## אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט פְּרָאטֶעסְטִירְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוּנְזֶער וֶועג אִיז נִישְׁט פְּרָאטֶעסְטִירְן, אוּנְזֶער וֶועג אִיז תִּיקּוּן חֲצוֹת, הִתְבּוֹדְדוּת, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְשִׁעוּרִים כְּסִדְרָן אִין יֶעדֶע חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה.

דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ חוּרְבָּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיסְגֶע'שְׁמַד'ט מִילְיָאנֶען אִידְן, אוֹיסְגֶערִיסְן דִי תּוֹרָה פוּן זֵיי, אוּן אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַלֶע פֶעלְקֶער קֶעגְן אוּנְז אִידְן, אָבֶּער הַפְגָּנוֹת - אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ; מִיר דַארְפְן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן שִׁיקְן צַדִּיקִים זָאלְן צוּרִיקְקֶערְן אַלֶע אִידְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

...

## חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער דַארְפְן הֶערְן זִיסֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד אוּן יֶעדֶע אֵיינִיקְל, וַוייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט אַלֶעס שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין זוּן - גֶעדֶענְק אִים צוּ זָאגְן יֶעדֶע מָאל אַ גוּט וָוארְט אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין שְׁנוּר - זָאלְסְטוּ אִיר יֶעדֶע מָאל זָאגְן וִוי דַאנְקְבַּאר דוּ בִּיסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא שְׁנוּר.

עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג פַאר יוּנְגֶע פָּארְפֶּעלְקֶער צוּ הֶערְן דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וִוי: "הָאסְט אַ ווּאוּילֶע וַוייבּ", "הָאסְט אַ טֵייעֶרֶער מַאן".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט גֶעבְּן יֶעדְן קִינְד אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער.

...

## זָאגְן דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, פַארְגֶעסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ אִים; אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי אַ מַאמֶע פְרֵייט זִיךְ וֶוען דָאס קִינְד זָאגְט אַ וָוארְט, וֶוען דָאס קִינְד זָאגְט "מַאמִי" - אַסַאךְ אַסַאךְ מֶער וֶוערְט אַ שִׂמְחָה אִין הִימְל וֶוען מֶען זָאגְט: "טַאטֶע".

אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ בִּרְכַּת הַשַּׁחַר זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין".

...

## נִישְׁט קַארְגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם; אִין אַזַא דוֹר וָואס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת - בְּרֶענְגְסְטוּ אַרַיין קְדוּשָׁה וֶאֱמוּנָה.

עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אָדֶער רֶעדְן קֶעגְן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָדֶער רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אֱמוּנָה - אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאלְן אַוֶועק. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס רֶעדְן טֶעג אוּן וָואכְן פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעם אוּן פוּן דִי פִּרְצָה וְכוּ׳, אָבֶער דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג אִיז רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּיז עֶס וֶוערְט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): ״וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ״ - דִי וֶועלְט אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן פוּנֶעם כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט קַארְגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער; מוּסָר וֶוערְטֶער אוּן קְרִיטִיק וֶוערְטֶער - דָאס דַארְף מֶען זֵייעֶר קַארְגְן, אוּן מַמָּשׁ בִּבְלִית בְּרֵירָה, נָאכְן גוּט אַדוּרְכְטְרַאכְטְן - נוּצְט מֶען אַמָאל דִי וֶוערְטֶער, אָבֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער - זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רב): ״כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן״, וֶוער עֶס הָאט אַ קְלֵיינֶעם פַארְשְׁטַאנְד, ״יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד״, דַארְף מֶער כָּבוֹד.

...

## שׁוֹבָבִי״ם תַּ״ת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי׳ן: ״אַ קוּנְץ אַרָאפְּצוּוַארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד״, דָאס מֵיינְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אַ צֶעקְלַאפְּטְקֵייט, אַ קוּנְץ אִיז, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט, אֲפִילוּ מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, נְפִילוֹת וְכוּ׳ - דָאךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן ווִיסְן

אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר אוּן וַוארְט אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים'.

יֶעצְט קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבְבִי"ם טֶעג, דִי יָאר אִיז שׁוֹבְבִי"ם תַּ"ת; זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן פַאר אוּנְז.

...

### מִצְוֹת בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעוָואלְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען וָואס מֵיינְט 'אֵייבִּיג', הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ מָשָׁל; אַז מֶען וֶועט אָנְפִילְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַאלְץ אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אַ פֵייגְל עֶסְן אַ בְּרֶעקֶעלֶע זַאלְץ - אֵיין בְּרֶעקֶעלֶע יֶעדֶעס יָאר - וֶועט זִיךְ דָאס אַמָאל עֶנְדִיגְן? הָאט אֵיינֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶנְדִיגְן", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט, עֶס וֶועט זִיךְ יָא אַמָאל עֶנְדִיגְן, אֲפִילוּ עֶס וֶועט נֶעמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר לַאנְג, אָבֶער עֶס הָאט אַן עֶנְדֶע, מַה שֶׁאֵין כֵּן דִי שְׂכַר פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיז פַאר אֵייבִּיג, לְנֵצַח נְצָחִים".

יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז לְנֵצַח נְצָחִים, פַאר אֵייבִּיג, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט, כִּיבּוּד אָב וָאֵם, צְנִיעוּת, חֶסֶד - בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס טוּט גוּטֶע זַאכְן.

...

### אַ גוּטֶע קַבָּלָה צוּ זָאגְן "אֲנִי מַאֲמִין"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, אוּן פוּנֶעם בַּאקוּמֶען דֶעם פָארִיגְן בְּרִיוו פַארְאַיָאר - הָאט אִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; יֶעצְט, דִי יָאר, ווילְט אִיר וויסְן וָואס זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג.

דִי יָאר זָאלְט אִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען - לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג - צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין"; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס זַיין אַ נַייעֶ זַאךְ, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶועט דָאס וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן אַייעֶר לֶעבְּן, אִיר וֶועט דָאס קֶענֶען פוּן אוֹיסְנְוֶויינִיג, עֶס וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אַייךְ.

הֶערְט לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט, ווייל שִׂמְחָה אִיז דִי לֵייטֶער צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ. דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶועזְן אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ שִׂמְחָה.

...

### צְנִיעוּת אִיז שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי אוּן דוּ בִּיסְט עֶס מַחְשִׁיב. דוּ הָאסְט אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי; זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְרוּמֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם. דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי לא, י): "אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי - וֶוער קֶען גֶעפִינֶען? נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, "וְרָחֹק מִפְּנִינִים מִכְרָהּ", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אִיז טַייעֶרֶער ווי טַייעֶרֶע פֶּערְל.

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר ווי שֵׁיין אִיר צְנִיעוּת אִיז, זַייט שְׁטָאלְץ מִיט עֶנְקֶערֶע אֵיידֶעלֶע לְבוּשׁ, דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ עֶרְלִיכֶע

קִינְדֶער. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה", אַ פְרוֹי וָואס אִיז אֵיידְל, "מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

שְׁרַייבּ מִיר פוּן צַייט צוּ צַייט, וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

...

## שְׁפִּירְן גַּן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאלְסְט שׁוֹין דָא, דוּ גֵייסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ בַּאקוּמְסְט אַ כַּלָּה עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל; וִוי מֶער דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער גוּטְס וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס חֲתוּנָה הָאבְּן וֶוען מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת, דִי לֶעבְּן אִיז טַעַם גַּן עֵדֶן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנב): "כְּשֶׁמְּקֹרָבִים לְצַדִּיק הָאֱמֶת", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאנְט צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק, "טוֹעֲמִים טַעַם גַּן עֵדֶן", שְׁפִּירְן דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין גַן עֵדֶן; מֶען רֶעדְט אֵיידְל אוּן שַׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען עֶרְוַוארְט נִישְׁט פוּן אִיר - מִמֵּילָא וֶוערְט מֶען נִישְׁט אַנְטוֹישְׁט, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען בַּאקוּמְט אִיז וִוי אַ גֶעשַׁאנְק; עֶס אִיז דָא עֶסְן - אִיז דָאס אַ גֶעשַׁאנְק, עֶס אִיז דָא קְלֵיידֶער - אִיז עֶס אַ גֶעשַׁאנְק.

...

## גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדֶע תַּלְמִידָה אַ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

דִי בֵּית פִיגָא תַּלְמִידוֹת זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְקַבֵּל פוּן אַייךְ, זֵיי וַוארְטְן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּלֶע.

רֶעדְט אַסַאךְ צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וַוייל דָאס אִיז דִי רְפוּאָה

פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; ווִי מֶער מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע מַחֲלֹקֶת, מֶען הֶערְט אוֹיף גְלִיסְטְן, מְקַנֵא זַיין אַנְדֶערֶע, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ פַארְצֵייכֶענֶען יֶעדֶע מֵיידְל, וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל, אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּטְן טָאג. אוֹיךְ זֶעט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט יֶעדֶע תַּלְמִידָה בְּמֶשֶׁךְ אַ וָואךְ צְוֵויי - פְּרִיוַואט.

אוֹיךְ לָאזְט מִיר וִויסְן אֵייעֶר פְּלַאן פַאר קוּמֶענְדִיגֶע זוּמֶער, אוֹיב אִיר זֶענְט גְרֵייט נָאכְאַמָאל צוּ הֶעלְפְן אִין קֶעמְפּ.

...

## אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף טוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חָשׁוּב ווִי פָּשׁוּט'עֶר, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיב גֶעהַאט דִי פְּרָאסְטֶע אִידְן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין סַאךְ, נָאר טוּעֶן לְמַעֲשֶׂה, דִי וָואס זָאגְן תְּהִלִּים, דִי וָואס זָאגְן תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין בְּרֶסְלֶב וָואס פְלֶעגְט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַסַאךְ תְּחִנּוֹת אוּן מַעֲמָדוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶוען (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תק"כ).

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה.

...

### אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט לֵיצָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דַיינֶע יָארְן, דַיינֶע טֶעג - גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן; בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ לֶערְנְסְט מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט לֵיצָנוּת, אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵיצָנוּת פַּארְטְרַייבְּט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן ה): ״עַל יְדֵי לֵיצָנוּת אֵין לוֹ חָכְמָה״, לֵיצָנוּת פַּארְטְרַייבְּט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ חִיּוּת בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען הוֹיךְ מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, אוֹיךְ זָאלְן זֵיי לֶערְנֶען הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, מִיט אַ בְּרֶען.

רֶעד צוּ זֵיי פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוֹיךְ פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

...

### אֵיידְל אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז ״צְנִיעוּת״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מה, יד): ״כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ פְּנִימָה״, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז אַ אִידִישֶׁע אֵיידֶעלֶע טָאכְטֶער, ״מִמִּשְׁבְּצוֹת זָהָב לְבוּשָׁהּ״, זִי אִיז שֶׁענֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה:

**״שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין צְנִיעוּת, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אוֹיסְדֶערְוֶועלְט, אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ גֵיי אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף אַז אַלֶע מַיינֶע דוֹרוֹת, מַיינֶע קִינְדֶער,**

אֵיינִיקְלֶעךְ און אור אֵיינִיקְלֶעךְ - זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידל און שֵׁיין, און אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין אֵיידְלְקֵייט".

...

## דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

וְוִיפִּיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע זִיסֶע עֵצוֹת און אַזֶעלְכֶע חִיזוּק ווִי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע חָכְמוֹת און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ תְּמִימוּת, וָואס בְּעֶצֶם אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, צָרִיךְ לַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", נָאךְ אַלֶע חָכְמוֹת דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַ פְּרַאסְטַאק, "וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת", וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע און גְרֶעסְטֶע חָכְמָה.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, מִיר דַארְפְן טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַארְפַאלְן גֵיין, זָארְגְט פַאר אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן אוּנְזֶערֶע יָארְן.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת און מִיט שִׂמְחָה.

...

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און נָאכְן לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ מַאכְן

תְּפִלָּה פוּן דִי תּוֹרָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): "כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה מִצַּדִּיק הָאֱמֶת", וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ תּוֹרָה פוּנֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק, "יַעֲשֶׂה מִזֶּה תְּפִלָּה", זָאל מֶען מַאכְן פוּן דֶעם תְּפִלָּה, "מִזֶּה נַעֲשֶׂה שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים מְאֹד לְמַעְלָה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ פַארְגֶענוּגְן פוּן דִי סָארְט תְּפִילּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת.

אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער רֶעדְן פוּן דִיר, פוּן דַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת.

...

### בֶּעט אוֹיף אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס מֶען לֶערְנְט בַּיי אַייךְ אִין שׁוּלֶע וְכוּ׳; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז, מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ דִי אֱמוּנָה.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ׳; גֶעבְּט יֶעדְן טָאג צְדָקָה אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע, קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן ל): "אֱמוּנָה בָּא עַל יְדֵי צְדָקָה", דוּרְךְ צְדָקָה בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיפְן הִימְל וֶוען דִי הִימְל אִיז שֵׁיין לוֹיטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יד): "כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים", וֶוען דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיפְן הִימְל וֶוען זִי אִיז לוֹיטֶער אוּן קְלָאר, "תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנַת חֲכָמִים; גֵייט צוּם פֶענְסְטֶער, קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ וִויל דִיךְ זֶען, אִיךְ וִויל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא

**הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן זִיךְ נִישְׁט צֶעמִישְׁן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר, אֱמוּנָה אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אָמֵן".**

(אַז אַייעֶר לֶערֶערִין וֶועט נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע גְלוֹיבְּנְס - זָאלְט אִיר נֶעמֶען אַ בְּלֵיי אוּן שְׁרַייבְּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אַז אַייעֶר מֹחַ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ דִי זַאכְן וָואס צֶעמִישְׁט.

הֶערְט זִיךְ צוּ אִין כִּתָּה נָאר צוּ דִי לֶערֶערִינְס וָואס צֶעמִישְׁן נִישְׁט, נָאר דָארְט הֶערְט זִיךְ צוּ, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַנְדֶערֶע גְלוֹיבְּנְס, פוּן עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל - זָאלְט אִיר זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן נִישְׁט צוּהֶערְן).

...

## אַן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אַז דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּין אִיךְ דִיךְ מְקַנֵא, אוּן אַז נִישְׁט - בִּין אִיךְ דִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מְקַנֵא"; וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן עֶר מַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם מְשׁוּגָע, אוּן נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ פְרַייטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת - גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי

נָתָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה; דִי שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין מָאנְסִי שׁוּל, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדָה.

וֶוען מִיר דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן רֶבִּי נָתָן דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין אִין הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי וֶועלְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק בְּגוּף, בִּטְרְחָא וּבְמָמוֹן; יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין יְכֹלֶת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן אוּנְז מְחַזֵּק זַיין בַּיי דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, אוּן אוֹיךְ אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; וַויל אִיךְ דִיךְ אוֹיךְ דֶערְמַאנֶען יֶעצְט בַּיי דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז זָאלְסְט הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן אוֹיךְ גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דַיינֶע קִינְדֶער רוּפְן דִיךְ נִישְׁט זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג, אוּן אַז זֵיי רוּפְן דִיךְ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן; פְרֶעג זֵיי וָואס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה, פְרֶעג זֵיי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, וִויפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וִויפִיל בְּלַאט גְמָרָא; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ שְׁטִיקְל קֶשֶׁר מִיט דִי קִינְדֶער.

אַוַודַאי וָואלְט גֶעוֶוען רִיכְטִיג דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן דִיךְ רוּפְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי רוּפְן נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף קֵיין כָּבוֹד, מַאךְ נִישְׁט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, טוּ צוּ דֶער זַאךְ, זַיי קְלוּג אוּן הַאלְט אָן קֶשֶׁר מִיט זֵיי.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לָאזְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיג קִינְד, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן עֶס זָאלְן זִיךְ צִיעֶן דוֹרוֹת.

...

## בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "נָאכְן ווִיסְן אַלֶעס ווִי זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע, נָאכְן ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת - קוּמְט עֶר מִיט אַ נֵייעֶם וֶועג, אַ פְרִישֶׁע נִסָּיוֹן, אַ פְרִישֶׁע בִּלְבּוּל", אוּן מֶען דַארְף פוּנְדָאסְנַיי רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִים צוּ בַּייקוּמֶען.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא פַאר יֶעדֶע פְרִישֶׁע נִסָּיוֹן אוּן יֶעדֶע פְרִישֶׁע חֲלִישׁוּת הַדַעַת: תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶ וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן וֶוערְן אַלְט אוּן קַאלְט, בַּאנַיי מִיךְ, זַיי מִיךְ פוּן פְרִישׁ מְקָרֵב צוּ דִיר. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן פְרִישׁ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן שְׁטֶערְן פוּן דִי בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת".

נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

...

## בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן צוּ זַיין גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצג): "הַמַּחֲשָׁבָה יֵשׁ לָהּ תֹּקֶף גָּדוֹל", דִי מַחֲשָׁבָה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, "וְאִם יְחַזֵּק וִיגַבֵּר מַחֲשַׁבְתּוֹ עַל אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם", אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ, "יוּכַל לִפְעֹל שֶׁיִּהְיֶה כָּךְ", קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי זַאךְ; אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן גֶעלְט - וֶועט מֶען הָאבְּן גֶעלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַז מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן" - וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן.

הַכְּלָל, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ מֶען זֶעט עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן, אוּן מֶען אִיז נָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - דַארְף מֶען וַוייטֶער בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן, אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס וֶועלְן.

זָאג יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ׳, קה, קלז, קן, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי; עֶס אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלֶעס.

...

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן ״הֲפָצָה״; אֲפִילוּ מֶען לַאכְט אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין הֲפָצָה, וַוייל דִי בּוּשׁוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, אוּן נָאר דוּרְךְ הֲפָצָה, דוּרְךְ עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען זִיךְ פַּטְרְ׳ן פוּן יֶענֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בּוּשׁוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״אַלֶעס קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְ׳מָשָׁלְ׳ן פַאר מַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיסֶער דִי בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֶבֶר״; וִוי גְרוֹיס אוּן וִוי שְׁרֶעקְלִיךְ דִי צַעַר אוּן בּוּשָׁה וֶועט זַיין, אָבֶּער דוּרְךְ זַיין אַ מֵפִיץ, דוּרְךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי אַלֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

...

### אִיךְ בִּין דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

מַיין בַּאבֶּע רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, מַיין מַאמֶע׳ס מַאמֶע, פְלֶעגְט זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם: ״אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע״; וֶוען אִיךְ בִּין

אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר - הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע, אִיךְ הָאב גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וֶוער אִיז רַייכֶער...?"

זִינְגְט אוֹיף דֶעם נִיגוּן: "אִיךְ בִּין דִי רַייכְסְטֶע, אִיךְ הָאב גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער"; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַייעֶר שֵׁיינֶע גָארְטְן, טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פַארְמֶעגְן.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן 'עָשִׁיר' אִיז: עֵ'ינַיִם, שִׁ'נַּיִם, יָ'דַיִם, רַ'גְלַיִם; אֵיינֶער וָואס הָאט אוֹיגְן, צֵיינֶער, הֶענְט אוּן פִיס - אִיז רַייךְ, אוּן אַז מֶען הָאט הָאט אַ דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ, מִיט הֵייצוּנְג, מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - אִיז מֶען טַאקֶע רַייךְ.

...

### הֶעלְפְן דִי מוֹסָד בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס בִּיסְל וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַּאר אֱמוּנָה אוּן תּוֹרָה - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן לְנֵצַח נְצָחִים, אוּן דִי חֶסֶד וָואס מֶען טוּט מִיט אַנְדֶערֶע - דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק קוּמְט אַייךְ פַּארְן מַאכְן אַזוֹי בַּאקְוֶועם דִי מִקְוֶה טָהֳרָה; אַלֶע זֶענֶען צוּפְרִידְן, אַלֶע זָאגְן ווִי גֶעשְׁמַאק מֶען מַאכְט זֵיי; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

...

### דִי וַוייבּ נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם מַאן'ס הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַּאר אַלֶעס וָואס אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר טוּט פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אִיר הָאט אַלֶעס אַוֶועק

גֶעגֶעבְּן אַבִּי צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק בַּאצָאלְן מִיט גוּטְס, מִיט נַחַת, מִיט גְלִיק אוּן פְרֵייד.

אַלֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער מַאן טוּט - וֶועט דִי וַוייבּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אַזוֹי וִוי עֶר, אוֹיבּ זִי הֶעלְפְט אִים, זִי נֶעמְט אַ גְלַייכֶע חֵלֶק אִין אַלֶע זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים.

...

### גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַארְף אַ טוֹבָה, זָאלְסְט רֶעדְן מִיט הָאַבְרֵךְ ... מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן וֶוען דִי וַוייבּ מִיט דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען אוֹיף מֶעסֶער שְׁטֶעךְ; מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען עֶר הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

לֶערְן אִים אוֹיס דִי שֵׂכֶל וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, דֶער סִיפּוּר וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זַיין מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן זַיין וַוייבּ - הָאט עֶר אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ, גֶעוּוִיזְן אַז עֶר שְׁטִימְט צוּ צוּ אִירֶע רֵייד אוּן אִיר גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען זַיין וַוייבּ אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים קֶעגְן זַיין מַאמֶע - הָאט עֶר אִיר גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט.

זַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּ אִים קֶעגְן זַיין וַוייבּ, עַל כָּל פָּנִים אַזוֹי זָאגְט זִי, אוּן זִי רֶעדְט צוּ אִים קֶעגְן זֵיי, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי שְׁטוּבּ זָאל צֶעפַאלְן; לֶערְן אִים עֶר זָאל נִישְׁט טַעְנָה׳ן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר, אוּן אַז זִי לָאזְט אִים נִישְׁט רֶעדְן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאל עֶר אִיר נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, נָאר מִיט חָכְמָה טְרֶעפְן וֶוען צוּ רֶעדְן אוּן וִוי צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי, אוּן עֶר מוּז נִישְׁט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע מָאל עֶר רֶעדְט מִיט זֵיי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִנְהָגִים פַאר עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת שֶׁחָל בְּעֶרֶב שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי יָאר גֶעפַאלְט דִי פַאסְט טָאג עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת אוֹם עֶרֶב שַׁבָּת, רֶעכְנְט מֶען אוֹיס צוּ דַאוֶונֶען פְרִיעֶר אַז מֶען זָאל עֶנְדִיגְן פְרִיעֶר כְּדֵי דִי מִתְפַּלְּלִים זָאלְן אָנְקוּמֶען אַהֵיים אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת, אוּן בַּיים זְמַן פוּן אוֹיסְפַּאסְטְן גְלַייךְ קִידוּשׁ מַאכְן.

מֶען דַאוֶוענְט מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת אַזוֹי ווִי אַלֶע וָואכְן, מֶען לֵיינְט דִי קְרִיאָה פוּן וַיְחַל אַזוֹי ווִי דֶער רְמָ״א פַּסְקְ׳נְט, אוֹיךְ זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה אוּן עֲנֵנוּ. אָבֶּער אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אוּן תַּחֲנוּן זָאגְט מֶען נִישְׁט (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן תק״נ, סְעִיף קָטָן יא).

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי מִתְפַּלְּלִים אַז מֶען וֶועט דַאוֶוענֶען פְרִיעֶר ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ אַז מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיסְפַּאסְטְן בַּיים זְמַן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טַאנְצְן בַּיי בּוֹאִי בְשָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר פִירְן זִיךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי בּוֹאִי בְשָׁלוֹם צוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן,

מִיר טַאנְצְן נִישְׁט אֲרוּם דִי שׁוּל, יֶעדֶער טַאנְצְט פַאר זִיךְ אוֹיפְן פְּלַאץ. שַׁבָּת שֶׁחָל בּוֹ יוֹם טוֹב טַאנְצְן מִיר אֲרוּם דֶעם בִּימָה.

בְּנוֹגֵעַ דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט בַּיי בּוֹאִי בְשָׁלוֹם, עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיטְן שַׁבָּת; זָאל דִיךְ דָאס נִישְׁט שְׁטֶערְן, אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת אִין שׁוּל צוּלִיב דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְּגַם הַבְּרִית פַארְדְרֵייט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז אָפּ אַלֶע חָכְמוֹת, הֶער אוֹיף מִיט דִי אוֹיבֶּערְ׳חָכָמְ׳קֵייט; טוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט - וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ו, ו): ״יֵשׁ מַזִּיק״, עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ וָואס שֶׁעדִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, ״שֶׁקּוֹשֵׁט כְּחֵץ״, עֶס שִׁיסְט וִוי אַ פַּייל, ״וְטָס כָּעוֹף״, אוּן פְלִיט וִוי אַ פֵייגְל, אוּן עֶר מַאכְט צָרוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ. ״אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, ״אִם קִיַּמְתָּ מִצְוַת שִׁלּוּחַ הַקֵּן״, אוֹיבּ דוּ טוּסְט דִי מִצְוָה פוּן שִׁלּוּחַ הַקֵּן, ״אֲנִי מַצִּילְךָ מֵאוֹתָן״, וֶועל אִיךְ דִיךְ רַאטֶעוֶועֶן פוּן זֵיי, ״שֶׁנֶּאֱמַר״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צא, ה) ״לֹא תִירָא מִפַּחַד לָיְלָה״, וֶועסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן דִי שְׁרֶעק פוּן דִי נַאכְט, ״מֵחֵץ יָעוּף יוֹמָם״; מוֹהֲרְנַ״ת גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס גֵייט אֲרוֹיף אוֹיף וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בָּשָׂר בְּחָלָב הֲלָכָה ד, אוֹת ב), ״שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם״, שִׁיק אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת, ׳אֵם׳ - דָאס אִיז חָכְמוֹת, ״וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ״ (דְּבָרִים כב, ז) - דָאס מֵיינְט מֶען דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים; דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מַזִּיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיז דוּרְךְ אַוֶועק וַוארְפְן דִי חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת אוּן טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית וֶוערְט דִי מֹחַ אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים, מֶען אִיז

אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען - אִיז דוּרְךְ זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, לָאז אָפּ אַלֶע חָכְמוֹת, ווִיל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן זוּךְ נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִיר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאגְן אוּנְז, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; דָאס זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אִין זְכוּת פוּן שִׁלוּחַ הַקֵּן, אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי חָכְמוֹת, מֶען טוּט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ פֶערְטְל שָׁעָה קֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דִי לֶעבְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְטִיגֶע צַייטְן זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת זֵייעֶר גְרוֹיס, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֶעבְּן, בָּארְגְן אָדֶער פַארְדִינְגֶען מַאשִׁינֶען וָואס קֶענֶען זִיךְ מִתְחַבֵּר זַיין צוּ אִינְטֶערְנֶעט, ווייל מִיט אַ פֶערְטְל שָׁעָה קֶען מֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ בָּחוּר מִיט אַ גֶעוֵויין, עֶר הָאט גֶעבָּארְגְט בַּיי דִיר אַ מַאשִׁין צוּ קֶענֶען פָארְן אוּן קוּמֶען, זֶען דִי וֶועג, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ אִין אִים אָנְגֶעצִינְדְן, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי מַאשִׁין אוּן גֶעקוּקְט גִלוּי עֲרָיוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם, עֶר הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט הַאלְטְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פַאר בָּחוּרִים, בָּארְגְן אָדֶער פַארְדִינְגֶען - דִי סָארְט זַאכְן, עֶס קֶען זַיין אַ לַאו פוּן "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל". (וַיִּקְרָא יט, יד)

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

...

## נִישְׁט גוּט נָאכְצוּקוּקְן דֶעם מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם גּ׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר לַאנְגֶע בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן א): ״הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת״, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר רֶעדְט אִים אַיין עֶס אִיז אַ מִצְוָה, ״וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה״, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט מִצְוֹת; בַּיי פְּרוּוְעֶן קוּמְט עֶר זֵיי אַיינְרֶעדְן צוּ זַיין פַּארְנוּמֶען מִיטְן מַאנ׳ס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּיז עֶר צֶעשְׁטֶערְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה גֵייט אַוֶועק פוּן זֵיי רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֶוער הָאט אַייךְ גֶעבֶּעטְן צוּ הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וֶוען אַייעֶר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף? וָואס קוּקְט אִיר אִים נָאךְ וָואס עֶר טוּט, וואוּ עֶר אִיז אוּן אוֹיבּ עֶר קוּמְט צוּ דִי שִׁיעוּרִים? אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט רַחְמָנוּת, גֵייט אַוֶועק פוּן דִי מְשׁוּגֶע׳נֶע וֶועג, וַוייל נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דָאס וֶועט מַאכְן אַייעֶר מַאן זָאל דַארְפְן אָנְהוֹיבְּן מִיט לִיגְנְט, נָאר אִיר אַלֵיינְס וֶועט צוּגְרִינְד גֵיין.

נֶעמְט זִיךְ אֵיין פְּלִיכְט, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַייעֶר מַאן. אַז עֶר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג - זָאלְט אִיר זָאגְן: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיין מַאן״, אוּן אַז עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוֶוענֶען - אִיז דָאס נִישְׁט אַייעֶר גֶעשֶׁעפְט.

אִיךְ צִיטֶער וָואס וֶועט דָא זַיין, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעטוּן פַּאר עֶנְקֶער שִׁידוּךְ אוּן פַּאר עֶנְקֶער לֶעבְּן, אוּן יֶעצְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁע גֶעשֶׁעפְט, אִיר הוֹיבְּט אָן מִיט זַיין רוּחָנִיּוּת.

וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דָאס מַאכְט עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אוּן גֵיין

דַאוֶונֶען, עֶר שְׁפִּירְט אַז אִיר הָאט אִים נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ וִוי אַמָאל אוּן אִיר טְרָאסְט אִים נִישְׁט.

אַז אִיר ווילְט הָאבְּן אַ מַאן וָואס שְׁטֵייט אוֹיף צֵייטְלִיךְ, דַאוֶועוְט מִיט חַיוּת אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְט אִיר טוּן דִי אֵיין זַאךְ, מַאכְן זִיכֶער עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן שְׁמֵייכְלֶען אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

דִי אַלֶע מֶענֶער וָואס זֶענֶען מַצְלִיחַ - אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן אַ וַוייבּ וָואס מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, אַ וַוייבּ וָואס הַאלְט פוּן זֵיי; וַוייל נָאר דָאס הוֹיבְּט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וֵוייסְט 'מַיין וַוייבּ אִיז דָא פַאר מִיר, זִי קוּקְט מִיךְ נִישְׁט נָאךְ, זִי גֶעטְרוֹיעֶט מִיר'.

נֶעמְט אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ פוּן הַארְץ, וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

...

## תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ גָאר גוּטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן דִיר אִין יְשִׁיבָה, וִוי דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים; חוּמָשׁ אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וָואךְ, מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הַאלְסְט אָן דָאס לֶערְנֶען תּוֹרָה; חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִּים.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז מֶען צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ - אִידִישׁ; בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר.

...

## אַ גוּטֶע סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ מוּטְשֶׁעסְט מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זָאל דִיר גֶעבְּן אַ בְּרָכָה אוֹיף פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, יֶעדְן טָאג קוּמְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, דָא הָאסְטוּ דֶער סוֹד פוּן פַּרְנָסָה:

דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה אִיז ח׳ת׳ך׳, דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טז): פּוֹתֵחַ׳ אֶת׳ יָדֶךָ׳; אַז מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם שֵׁם - אִיז דָאס מְסוּגָל אוֹיף פַּרְנָסָה.

קוּמְט מוֹהֲרָא״שׁ אוּן זָאגְט, דֶער שֵׁם אִיז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים טז, ט): וְהָיִיתָ׳ אַךְ׳ שָׂמֵחַ׳; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן עֲשִׁירוּת - שִׂמְחָה, דוּרְךְ שִׂמְחָה עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע צִינוֹרוֹת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם דַאֲגוֹת, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה - פַארְמַאכְן אוּן פַארְקְנַאקְן אַלֶע צִינוֹרוֹת.

טַאנְץ אוּן פַּאטְשׁ, שְׁמֵייכְל אוּן לַאךְ - וֶועט וֶוערְן בְּרֵייט, בִּבְחִינַת טֶפַח שׂוֹחֶקֶת, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

## חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלח), אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, זָאג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער דִי וֶוערְטֶער: ״**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֲיִתָּכֵן עֶס זָאל מִיר אַרִיבֶּערְגֵיין מַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן**״; שְׁפֶּעטֶער - הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט - הָאט עֶר גֶעהֶערְט הִינְטֶערְן טִיר פוּן רֶבִּינְ׳ס צִימֶער וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי וֶוערְטֶער.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידוּת; קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי אוּן בֶּעטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר**", וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בְּרוּדֶער, לָאז נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי טֶעג, כַאפּ אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אַפָּאר ווֶערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע טַייעֶרֶע ... אוּן ...**

מַזָּל טוֹב פַאר עֶנְקֶער נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגֶל נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת חֵלֶק ב׳, סִימָן לב): "**נַחְמָן נָתָן לַאכְט פוּן דֶער ווֶעלְט**"; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לַאכְן, עֶס זָאל זַיין בַּיי עֶנְק נָאר גְלִיק אוּן פְרֵייד, עֶנְק זָאלְן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְרִידְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס ווֵייטָאג פוּן דֶעם וָואס עֶנְק גֵייעֶן אַרִיבֶּער, עֶס טוּט זֵייעֶר ווֵיי ווֶען דִי עֶלְטֶערְן ווִיל נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי שִׂמְחוֹת, אוּן ווֶען דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט עֶנְק פַאר דִי אֵיין זִינְד, אַז אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, דָאס אִיז אַלֶעס פוּן דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים.

עֶנְק זָאלְן נָאכְאַלְץ פְּרוּבִּירְן רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער קֵיין אֵיין וָוארְט פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, נִישְׁט צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער, אוּן מִיט תְּפִלָּה וְסַבְלָנוּת ווֶעלְן דִי עֶלְטֶערְן אֵיין טָאג זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן קוּמֶען צוּ עֶנְקֶערֶע שִׂמְחוֹת אוּן ווֶערְן פַארְאֵיינִיגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין שִׁיקְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וָואס ווֶעט מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דִי ווֶעלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כד): "**וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים**".

...

## וואו נֶעמְט מֶען אַ הַארְץ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּלַאקֶער אוֹיף דַיין הַארְץ.

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט פוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט עֶר אַ פְרֶעג: "רֶבִּי נָתָן, ווִי נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ? ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַזַא הַארְץ?" זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ הַארְץ, נָאר דוּ בַּאהַארְצְט עֶס נִישְׁט"; ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ עֶרְוֶועקְן אוּן אָנְצִינְדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיין אִין אַ ווִינְקֶל אוּן וֵויין: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִיךְ דִינֶען, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן? רַאטֶעוֶועט מִיךְ, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר**".

גֶעב נִישְׁט אוֹיף, דַיין שִׁידוּךְ אִיז זֵייעֶר נָאנְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווָאס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס ווָאס דוּ אוּן דַיין ווַייבּ טוּעֶן פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם, אוּן בִּפְרָט יֶעצְט - דֶעם "יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים", ווִי עֶנְק גֶעבְּן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק בְּלֵב וָנֶפֶשׁ אַז דִי קִימְפֶּעטָארִינְס זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן, בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר, הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים, זָאלְסְטוּ זַיין דֶער גַבַּאי צְדָקָה פַאר דִי זַאךְ, גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים, מֶען זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּעֵת שִׂמְחָתָם, עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן אַזוֹי סַאךְ.

אֵיין מִינוּט אַ טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין שְׁפַּאצִירְן בַּיי דִיר אִין פֶעלְד, הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיבּ וֶוערְטֶער; וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיגֶער אוּן לִיכְטִיגֶער.

...

## דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין פַאר'ן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן הַיינְט פִינְף מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ; אַ חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַ חֵדֶר אִין בְּנֵי בְּרַק אוּן אַ חֵדֶר אִין טְבֶרְיָ', אַ בֵּית פֵּיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אַ בֵּית פֵּיגָא אִין טְבֶרְיָ', אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת - וֶועל אִיךְ דִיר הֶעלְפְן.

לָאז מִיר וִויסְן יֶעדֶע סוֹף חוֹדֶשׁ וִויפִיל עֶס פֶעלְט דִיר אוֹיס, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר הֶעלְפְן דֶעקְן אַלֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס, רֶענְט וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ זֶע שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע אַכְצְן יָאר זַייט דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז גֶעלְט וֶועט אוּנְז קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין עִכּוּב צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה.

...

## בְּלַייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר אוּן דִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט נָאךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה אוּן דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַמָאל וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאט עֶר גֶעהֶערְט רֶבִּי מֹשֶׁה ב"ר אַבְרָהָם חַיִּים דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת, רֶבִּי נָתָן הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט. אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן - הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט רֶבִּי מֹשֶׁה דַאוֶונְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי וַוארֶעם, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "מֹשֶׁה, דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הֶער מִיךְ אוֹיס, נֶעם זִיךְ צוּרִיק צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גְלֵייב מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וַוייסֶע בָּארְד אוּן אִיךְ ווִיל נָאכְאַלְץ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

### מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ ווִילְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער; נֶעם דִי עֵצָה, דִי סְגוּלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים", וָואס קֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער? "יְשַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ; וַוייל אַ פְרוֹי צִיט זִיךְ מֶער צוּ עַצְבוּת, אַ פְרוֹי הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, דַארְף דֶער מַאן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

וַוארְט נִישְׁט זִי זָאל דִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִיר חִיוּב דָאס צוּ טוּן, עֶס אִיז דַיין חִיוּב, עֶס אִיז דַיין מִצְוָה. זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטְן נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים צוּ אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבּ מִיט אַ וַוייבּ וָואס דִי פָּנִים שְׁמֵייכְלְט אוּן שַׁיינְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט, עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף אַהֵיים גֵיין לִיכְטִיג מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, פְרֵיילִיךְ מַאכְן, מַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף מַיין שְׁמֵייכְל' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער אוּן צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ.

...

## רִיר נִישְׁט אָן יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג, רִיר נִישְׁט אָן יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט, בַּאצָאל יֶעדְן וֶועם דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג. עֶס אִיז זֶעלְטְן צוּ גֶעפִינֶען עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס פַארְדִינֶען אָן קַיין גְנֵיבָה, אָן אָנְרִירְן יֶענֶעמְ׳ס גֶעלְט. אוּיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן אַ צְוֵוייטְן אַ פְּרוּטָה, מֶען גַנְבְ׳עֶט אָדֶער מֶען בָּארְגְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט - וֶועט מֶען דַארְפְן מְגוּלְגָל וֶוערְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן; גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן גְנֵיבָה.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אֲפִילוּ פְּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען רוֹב טָאג בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט מַשָּׂא וּמַתָּן קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּתְנַאי אַז מֶען רִירְט נִישְׁט אָן אַ צְוֵוייטְנְ׳ס גֶעלְט. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִיק רֶבִּי מֵאִיר פוּן פְּרֶעמִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כב, ז): ״וְנִקְרַב בַּעַל הַבַּיִת אֶל הָאֱלֹקִים״, אֲפִילוּ אַ פְּשׁוּטְ׳עֶר בַּעַל בַּיִת קֶען אוֹיךְ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר בִּתְנַאי - ״אִם לֹא שָׁלַח יָדוֹ בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ״, אוּיבּ עֶר גַנְבְ׳עֶט נִישְׁט, עֶר פָּאפְּט נִישְׁט.

אֵיידֶער דוּ טֵיילְסְט צְדָקָה זָאלְסְטוּ קוֹדֶם בַּאצָאלְן דִי וֶועם דוּ קוּמְסְט גֶעלְט, שְׁפִּיל נִישְׁט שֵׁיינֶער אִיד וֶוען דוּ קוּמְסְט גֶעלְט; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וֶועם דוּ קוּמְסְט גֶעלְט אוּן בַּאצָאל יֶעדְן אֵיינֶעם, וַואשׁ אָפּ דִי הֶענְט, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּלוּט, קַיין שׁוּם גְנֵבוֹת.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צָאלְן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְסִבָּה בַּיי הָאבְרֵךְ יוֹאֵלִי מֶענְדְלָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ מְסִבָּה צוּ קֶענֶען

בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים אִין צַייט. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט דִי כַּוָּנָה צוּ גֶעבְּן חִיזוּק פַאר דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶעלְפְן צָאלְן דִי מְלַמְּדִים אִין צַייט, לְמַעֲשֶׂה בָּא לְלַמֵּד וְנִמְצָא לָמֵד, אִיךְ בִּין פוּן דָארְט אַהֵיים מִיט אַזַא גוּטֶע גֶעפִיל; דִי אִינְגֶעלַייט דָארְט זֶענֶען אַזוֹי טַייעֶר, אַזוֹי פְרִישׁ. יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וֶוער אִיךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶר פְרִישְׁקֵייט; עֶס נֶעמְט טַאקֶע צוּ פָארְן צְוֵויי שָׁעָה אַהִין אוּן צְוֵויי שָׁעָה צוּרִיק, אוּן דָאס דָארְט זַיין נָאךְ אַ צְוֵויי שָׁעָה, אִינְאֵיינֶעם זֶעקְס שָׁעָה - אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זֶען דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד, אַז דָאס וָואס מֶען זָאגְט מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד - אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן צָאלְט מֶען אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט. דִי זַאךְ אִיז, דִי וָואס צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימּוּד, בַּיי זֵיי אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן (דְּבָרִים יא, יט): "וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם", דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער - אַ נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶערִיבֶּער צָאלְט מֶען נִישְׁט; וְהָא רְאָיָ' בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן צָאלְט מֶען יָא, אָן הָאבְּן גֶעלְט.

מֶען זֶעט קְלָאר, דִי וָואס צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד בַּאקוּמֶען צוּרִיק דָאס גֶעלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "לְווּ עָלַי, וַאֲנִי פּוֹרֵעַ", בָּארְג גֶעלְט אוּן אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיךְ אוֹיף שְׂכַר לִימּוּד, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וויפִיל גֶעלְט דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט פַארְדִינֶען דֶעם יָאר, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת, וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה", חוּץ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן פַאר שְׂכַר לִימּוּד, "שֶׁאִם פּוֹחֵת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", אוֹיבּ צָאלְט מֶען נִישְׁט שְׂכַר לִימּוּד - בַּאקוּמְט מֶען וֶוייניגֶער גֶעלְט, אוּן אוֹיבּ צָאלְט מֶען שְׂכַר לִימּוּד - בַּאקוּמְט מֶען בְּדֶרֶךְ נֵס נָאךְ גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶערְ

## שְׁטֶענְדִיג בֶּענְקֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

׳מַיין שִׁיךְ אִיז צֶערִיסְן, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם שׁוּסְטֶער עֶר זָאל מִיר פַאֽרְרֶעכְטְן מַיינֶע שִׁיךְ... אִינְטֶערֶעסַאנְט, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּם שׁוּסְטֶער זֶע אִיךְ אַז זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, צוּ וֶועם רֶעדְט עֶר? עֶר רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס?! נַא, עֶר אִיז דָאךְ אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ; וֵוייסְט וָואס, יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֵיי פַאֽרְרֶעכְטְן מַיינֶע שִׁיךְ וֶועל אִיךְ אִים פְרֶעגְן פַאֽרְוָואס זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ׳.

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ׳חִשַּׁבְתִּי דְרָכַי, וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדֹתֶיךָ׳, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מַיינֶע פִיס זָאלְן נָאר טוּן מִצְוֹת, הֶעלְף אַז דֶער וָואס וֶועט גֵיין מִיט דִי שִׁיךְ זָאל נָאר גֵיין צוּ גוּטֶע פְּלֶעצֶער״.

אִיךְ פַאֽרְשְׁטֵיי שׁוֹין, דֶער שׁוּסְטֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חֲסִידִים זֶעעֶן אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶפֶּעס אַ זִיסֶע חֵן, זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער שׁוּסְטֶער אִיז אַזוֹי אַרֵיינְגֶעטוּן אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן נֶעבְּן



אָמְמְמְ... אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה...

אִים אוּן הַאלְטְן אַלֶעס מִיט, לָאמִיר שְׁטֵיין שְׁטִיל דָא אִין דֶער זַייט אוּן הֶערְן זַיינֶע זִיסֶע תְּפִילוֹת...

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָּשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא מִיט הֲלָכָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער..." אוֹי וֵויי וָואס גֵייט פָּאר... "אָמְמְמְ אִיךְ הָאבּ אַ פְּרַאגֶע, וֶוען אִיךְ פַארְרֶעכְט שִׁיךְ וִויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בֶּענְקְט מִיר מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז אִיךְ כַאפּ אָן דִי שִׁיךְ וֶוער אִיךְ דָאךְ טָמֵא; מֶעג אִיךְ רֶעדְן אַזוֹי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אִיךְ דַארְף זִיךְ קוֹדֶם וַואשְׁן דִי הֶענְט?"

דֶער אִיד שְׁטֵייט גֶעפְּרוֹירְן... 'וָואס זָאל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן? ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַ פָּשׁוּטְ'עֶר שׁוּסְטֶער, אַזוֹי פְּרָאסְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע זָארְג, נָאר אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים פַארְרֶעכְטְן דִי שִׁיךְ...'

קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזַא בֶּענְקְשַׁאפְט אוּן גְלִיסְטֶעניִשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן, אִינְמִיטְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט - בֶּענְקֶען זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּ אִים אָן אוֹיפְהֶער.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "טַאטֶע אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר, טַאטֶע אִיךְ וִויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר".



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
חיזוק
צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718·387·2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com